STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11041

A FREYLEKH YOR

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. קוויטקאָ

א פריילעכ יאָר

קינדער־פארלאַג
1934

רעדאקטאָר — אי. גרינזייד
צייכענונגען — א. סאדילענקא
הילף פון קינסטלער — י. דייַץ
טעכנישער פירער — אי. שישקאָ
קאָרעקטאָר — ל. הילער

I

א פּאַראַשיוט

אעראָפּלאַנען
פליִען דרייַ.
מענטשן אין הימל
אין בלויען — פרייַ.

אַעראָפּלאַנען
פרי ארויס:
דערלערנען די וואָלקנס,
די הויכן, די גרויס.

צוויי אעראָפּלאַנען,
דריטער פירט.
פונפאָרנט ער פליט,
ער בריגאדירט.

פלוצים — א מענטש
א וואָרפ זיך טוט.
ער פאַלט, ער פאַלט
מיט פּאַראַשיוט.

ער פֿאַלט, ער פֿאַלט,
אַלץ גרעסער ווערט.—
אָט —
ער שטייט שוין
אף דער ערד.


СССР

דער זאַוואָד

סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט
דער זאַוואָד מאַשינעס מאַכט.
שטענדיק, שטענדיק גייט ער,
טראַקטערנ פאַרגרייט ער.
זאָל זײַנ אָסיענ,
זאָל זײַנ רעגנ,
זאָל זיכ ליאָפּענ
אפ די וועגנ.
ליאָפּ - ליאָפּ,
בלעטער פאַלנ
פיל אראָפּ,
פייגלענ, פייגלענ
פליִענ אָפּ, —
אָבער דער זאַוואָד וואַכט
אַלצ, ער ארבעט טאָג אונ נאַכט.

קראַנענ ווי קוריערנ
היני אונ הער זיכ קערנ:
וויהינ מע דאַרפ געגאנגענ,
וואָס מע דאַרפ דערלאַנגענ.

קומט דער ווינטער,—
זאָל ער קומען,
זאָלן פרעסט
מיט ווינטן ברומען.
שניי ווײַס
ליגן טײַכן
אונטער אײַז,
און דער פראָסט
אין נעזער בײַסט.
אָבער דער זאַוואָד — ער גייט,
טראַקטער־טיילן אלץ ער גרייט.

קומט דער פרילינג.
ריטשקעס לויפן,
און די זון —
אין אלע הויפן.
עי, עי,
שווין פון פעלדער
אָפּ דער שניי!
גרייט די פעלדער
צום פאַרזיי.
ארבעט פעסטער בא ווארשטאַט,
אין געוועטן יאַט און יאַט:
באַלד צום שניט זיך שטעלן,
זאָל קײַן טראַקטערס פעלן.

קומט דער זומער מיט די היצן,
מיט די דונערן
און בליצן,

ברײט, ברײט,
שטײען פעלדער
אינעם שנײט,
אין די סעדער —
שמעקט, צײט.

פֿאַרן מענטשן פֿון זאַוואָד —
ערגעץ רוען הינטער שטאָט,
אַלע קוויט די רײען
אינעם אורלויב גײען.
אָבער, אָבער דער זאַוואָד
שטעלט זיך אַף קײן ווײַל ניט אָפּ.
ס'אַרבעטן די צעכן
אויסגעשטעלט, בארעכנט.

סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט
דער זאַוואָד מאַשינעס מאַכט.

די זעג־מיל

פון פֿאַרטאָג,
פון באַגינ
ארבעט שוינ
די זעג־מאַשינ

פון פֿאַרטאָג
ביז באַנאַכט,—
ברעטער,
ברעטלעכ זי מאַכט.

די זעג־מיל פֿאַרגייט זיכ
אינ דינעמ קוויטש.
סע פֿליִענ די ברעטער,
ווי גלײַכ אפֿ א גליטש.

דער זעגער—א שלאָגלער,
אונ אויכ—זיינ וואַרשטאַט.
סע גייט בא זיי ביידנ
די ארבעט גלאַט:

פון אײַנ בּרעט װערט צװיי,
װערט פיר, װערט אכט,—
פאַר טירנ, פאַר פענצטער,
פאַר פּאָלנ און דאַך.

סע שיט זיך די זעגעכצ
װי גראָבּלעכע מעל.
סע שיט זיך, סע שיט זיך
און װערט ניט א טעל.

װאס קענ מענ ניט מאַכנ
פון האָלצ אלערליי!—
װאַגאָנעס און שיפנ,
און שליטלעך און קליי.

און בּריקנ און מעבּלענ
און נאָך און נאָך מער.—
אָט האבנ די קינדער
געמאכט א פּלאַנער

פון בּרעטלעך, װאס ליגנ
בּאַם זעג-מיל צעשיט,—
און מיינט איר, ער פליט ניט?
אַװאַדע, ער פליט!

פון פאַרטאָג,
פון באגינ
ארבּעט שװינ
די זעג-מאַשינ.

פון פאַרטאָג
ביז באַנאַכט —
ברעטער,
ברעטלעכ זי מאַכט.

פלאַמיקע גרוסן אונדזער פּאַרטיי!

רייען און רייען
ציִען זיך לאַנג,
כראָמטשען די שנייען,
פריילעך צום גאַנג.
כראָמטשען די שנייען,
שול־קינדער גייען,—
געזאַנג.

בליִען די באַקן,
פריילעך דער בליק.
פראָסט, וועסט ניט פּאַקן,
קינדערלעך קנאַקן
צוריק!

גליטשנדיק גריסן
מיר דער פּאַרטיי,
פלאַמיקע גרוסן —
דער רויטער אַרמיי.
פלאַמיק מיר גריסן,
מיר — אף די גליטשן
אף שניי!

נײַע געבײַען.
וויפ׳ מע גייט,
נייע, אַלצ נײַע,
בּרייטע אונ פרײַע —
א פרייד!

וואַרעמע היטלעכ,
קליידער צומ ספאָרט.
— ליזשניקעס, שליטלערס,
גליטשערס, צומ וואָרט!
ליזשניקעס, שליטלערס,
פלינקער געשניטנ, —
פונ אָרט!

גליטשנדיק גריסנ
מיר דער פּאַרטיי,
פ׳אַמיקע גרוסנ —
דער רויטער ארמיי.
פלאַמיק מיר גריסנ,
מיר — אפ די גליטשנ
אפ שניי!

רויטע רײַטער

רײַטנ רויטע רײַטער,

וויגנדיק זיי רײַטנ,

דינע פיס באַ פערדלעכ

צאָקנדיק זיכ בײַטנ:

צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

אפ שטײנערנעמ ברוקיר,
די פּיקעס אינדערלופט,
פאָרויס דער קאמאנדיר.

יאַטנ אינ די זאָטלענ —

רײַטנ רויטע העלדנ,

2. ל. קוויטקאָ. 921

יאַטן פֿון זאַוואָדן,

יאַ־ן פֿון די פֿעלדער —

צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

זיי קוקן אינדערווײַט,
די פּיקעס אינדערלופֿט,
די בּיקסן אפּדערזײַט.

קלאַפּן אפּן פּלאַסטער,

קאָפּיטעס סע קלאַפּן,

קאָפּיטעס די פּעסטע

פּלאַסטער־שטיין באַטאַפּן.

צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

די צוימען אין דער האַנט,
די פּיקעס אפּ פֿאָרויס —
צום גרענעץ פֿונעם לאַנד.

רייטנ רויטע רייטער.

ס'רײַסן זיך כאַזײרים,

קוויטשענדיק פֿון דאָרטן,

קריכן מיט די פּיסקעס

אינעם ראַטנ־גאָרטן.

צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

איז אָנגעצילט די קלעפּ,

די פּיקעס, פּיקעס שטויס

אין כאַזערישע קעפּ!

א בריוו דעם כ׳ וואָראָשילאָוו

אוועק איז מײַנ ברודער
אינ רויטער ארמיי.
מײַנ ברודערל ליבער —
אינ רויטער ארמיי!

כאַווער וואָראָשילאָוו,
כ׳האב ליב אימ אסאַך,
כאַווער וואָראָשילאָוו,
אימ שטעל אפ דער וואַך!

א שלאָגלער מײַנ ברודער
באַ אונדז אינ ווארשטאט,
א יאַט איז מײַנ ברודער,
שוינ איינמאָל א יאַט!

כאַווער וואָראָשילאָוו,
כ׳האב ליב אימ אזוי.
כאַווער וואָראָשילאָוו,
דאָס לאַנד אימ פאַרטרוי!

אָט הערט מען פּאַיסטן, ש

זיי שאַרפן די שווערד,

ניט אנדערש זיי ווילן

סאָוועטישע ערד.

כאַווער וואָראָשילאָוו,

דעם ערשטן אין קריג,

כאַווער וואָראָשילאָוו,

מײַן ברודערל שיק!

א שלאָגלער מײַן ברודער,

דער בעסטער בײַ אונדז.

ער וועט זיי באַווײַזן

קריכן צו אונדז!

כאַווער וואָראשילאָוו,

אויב, טאָמער... ער פאלט...

כאַווער וואראָשילאָוו,

איז שרײַב מיר דאַן באַלד!

איך וועל אים פאַרבײַטן,

איך וואַקס נאָכאַנאַנד.

איך לערן זיך האַלטן

א ביקס אין דער האַנט!

אַ מיליציאָנער

— בירגער פּאפּא, וואַרט בײַם טיר —
זעסט דאָך, איך סיגנאַליזיר!
— האָסט זיך, קינד, אַזוי פאַרשטעלט,
אַז איך האָב דיך ניט דערקענט.
אין מײַן מאַנטל אײנעם גרינעם
און פאַרגאַרטלט מיט אַ רימען,
אָנגעטאָן זיך אויפן קאָפּ
עמאַלירטן מילעך־טאָפּ.
ווער־זשע, זאָג מיר, ביסטו, ווער?
— איך, אַ מי־לי־צי־אָ־נער!

— וואָס־זשע ווילסטו דען פון מיר?
פאַרוואָס האַלטסטו מיך בײַם טיר?

— אויף מײַן פּאָסטן שטיי איך. שטער ניט.
קוק, מײַן פאַרביקער לאַמטערן
הייסט דיר וואַרטן בײַ דער טיר:
בירגער, זײַ אָרגאַניזירט!
דאַרפסט זיך פונעם אָרט ניט רירן
ביז איך וועל סיגנאַליזירן.

איך פֿיר אָן מיט דעם פֿאַרקער,
אויטעס הין און אויטעס הער,
גרויזאָוויקעס, אויטאָבוסן
לויפֿן דאַרפֿן, לויפֿן מוזן.
קוק, די מענטשן אפֿן ראָג
פֿאָלגן אַלע, וואָס איך זאָג
מיט דעם פֿאַרביקן לאַמטערן!
גייט א רינג פֿון פּיאָנערן:
— שטייט, מאַשינעס! שטייט, אַלצדינג!—
רויִק זאָל אַדורכן דער רינג!

— כ׳קען שוין מער ניט שטיין באַם טיר,
האָסט פֿאַרגעסן, דאַכט, אין מיר.
כ׳וועל אַ מיליציאָנער,
כ׳דאַרף אין יעדן אָרט, אַהער!

II

כאַזערלעך

— אַנאַ־וואַנאַ בריגאַדיר,
עפן אויף פון שטאַל די טיר!
וויַיז די נײַע, שיינע
כאַזערלעך די קליינע.

— שפּעטער, קינדער, כעווערלײַט,
איצטער דאָ ניט ראַשן.
כ׳האַלט דאָך איצט די כאַזערלעך
גראַד אינמיטן וואַשן.

— אַנאַ־וואַנאַ בריגאַדיר,
עפן אויף פון שטאַל די טיר.
לאָז זיי דאָך אַ גלעט טאָן, —
מאָגערע, צי פעטע?

— שפּעטער, קינדער, כעווערלײַט,
האָט איר דען פאַרגעסן?
ס׳ע דאַרפן דאָך די כאַזערלעך
גראַדע איצטער עסן!

— אַנאַ־וואַנאַ בריגאַדיר,
עפֿן אוף פֿון שטאַל די טיר!
גיכער שויִן באַווייַז זיי, —
ראָזעווע, צי ווייַסע?

— שפּעטער, קינדער, כעווערעלייַט,
שטילער, ניט געלאָפֿן,
כ׳לייג אוועק די כאַזערלעך
גאַרדע איצטער שלאָפֿן.

— אַנאַ־וואַנאַ בריגאַדיר,
אַלע קינדער בעטן דיר!

— שאַ, שאַ, כאַווײַרימלעך,
סע שלאָפֿן די כאַזיירימלעך!
אָטאָ, רוען זיי זיך אויס —
לאָז איך זיי צו אייַך ארויס!

שאַ, שאַ, כאַווייִרימלעך,
סע שלאָפֿן די כאַזיירימלעך...

קי

שפּאַנען מיר אין גאָרטן,
גייען מיר גאַנצפרי,
און אפ פּאַשע גייען,
גייען זיך די קי.

וויגן מיט די הערנער
און זיי רעווען — ממו...
זע־זשע, גוטער פּאַסטעך,
היט אונדז יעדער קו!

נעכטן האסט געפּאַשעט
אפ א שלעכטן גראָז, —
איז די מילך געוועז אונדז
שיטער אינעם גלאָז.

פיר־זשע, גוטער פּאַסטעך,
פּאַשע זיי צו זעט. —
זאָל זיין גוטע פּוטער,
און די מילך — פעט!

3. ל. קוויטקאָ, 921

אַ קאָניוכ

איכ בינ א קאָניוכ
אינ אונדזער קאָלווירט.
זעט, מײַנע פערדלעכ
געקעמט אונ געצירט.

פינקטלעכ דאָס עסנ
פאַר זײ איכ פאַרמיש.
זײַנענ זײ שטענדיק
געזונט אונ פריש.

זײַנענ זײ שטענדיק
צו ארבעט גרייט.
זעט נאָר, ווי פריילעכ
אינ שפּאַנ מע גייט.

שטײַפּע די אויערס,
אינגאַנצנ מע גלאַנצט.
שלעפּט מענ די מאַסעס
גאָר גרינג, מיט א טאַנצ.

אַ יאַסליע שפּאַצירט

מע עפנט אינ יאַסליע די טירנ,
די קינדערלעכ פירנ שפּאַצירנ.

באַ הענטלעכ מע האַלט זיכ צו פּאָר,—
כאַווייירימ פונ צוויי ביז דרײַ יאָר.

די פּענעמער — קײַלעכיק, ראָז,
דער דרויסנ — א גרויסער, מיט גראָז.

דער דרויסנ — איז הימל אונ ערד,
אָט לויפט נאָכ אנ אַווטאָ א פערד.

אונ פּלוצימ — א וואַסערל לויפט,
א וואַסערל לויפט פונ א הויפ,

פונ עפּעס א הויפישנ קראנ,
די ברייט — פונ א קינדערשנ שפּאַנ!

איז בלײַבנ די קינדערלעכ שטייג,
דערוועגנ זיכ וויַיטער ניט גייג.

א וואַסער! וואָס זאָלן זיי טאָן!
די לערערן קוקן זיי אָן.

— אריבערצושפּרינגען אײַך שווער?
אנו, גיט די הענטלעך אַהער!

און באַלד טוט א הויב אינדערלופט
א קורצן, א קינדערשן גוף.

— איך וויל ניט, איך קען עס אליין,
דאס טײַכל, אריבערצוגיין.

א שפּאַן געטאָן האט ער, דער שנעק —
און גליקלעך אריבער דעם ברעג.

!אײנער — איז קײנער

דער גאָלד־זשוק

דער זשוק איז נאָכ רױפּנ,*
נאָכ רױפּנ געלאָפנ.
האָט ער נאָר קלײנינקע
רױפּלעכ געטראָפנ.

קלײנינקע װיל ער ניט,
קלײנינקע? — נײנ.
האָט ער געלאָזט זיכ
װײַטער צו גײנ.

פּלוצימ — א גרױסינקע
רױפּע באַװעגט זיכ.
געװאָלט זי אַ פּאַק טאָנ
אונ — ניט דערװעגט זיכ

אזאַ מינ באַדאַרפ ער דאָכ,
אַזאַ איז א גליק.

* רױפּע — אינ רוסיש гусеница

ער וויל זי א פּאַק טאָן,
נאָר כאַפּט זיך צוריק.

דרייט זיך דער גאָלד־זשוק
ארום זײַן ביסן,
בּלאָזט זיך און הויבּט זיך,
נאָר קען ניט געניסן.

איז ער געלאָפן
און נאָך דרײַ געבּראַכט, —
האט מען אינפירן
דעם אָנפאַל געמאַכט.

האט מען אינפירן
דעם וואָרעם דערטאַפּט,
האט מען אינפירן
דעם וואָרעם צעקלאַפּט!



האט מען אינפּירנ
דעם אָנפאַל געמאַכט...

אי באטאָג, אי באַנאַכט

אי באטאָג, אי באַנאַכט
לויפט א וואַסער־שטראָם און ראַשט.
און א קליינע ריטשקע לאַכט,
און די שיכ בא קינדער וואשט.
טו עס מיטנ פוס א טראַסק —
טוט עס דיר צוריק א פליאַסק.

פונ גאַנצפרי ביז טונקלער שאָ
איז די זונ אינגאַנצנ דאָ.
איז די זונ א גרויסע זונ,
אומעטום זי האט צו טאָנ:
אפ די פעלדער, עמ־טע־עסנ
ס׳קלענסטע גרעזל ניט פאַרגעסנ.
אינ דער שטאָט און אומעטום
איז די זונ אזוי פאַרטונ.

— עמ־טע־עס איז גרייט?
— איז גרייט!

נו, אינגאנצנ אינדערבּרייט
צומ פאַרזיי אינ פעלד ארויס:
ווו צומ ערשטנ מע פאַרזייט —
דאָרט צומ ערשטנ וואַקסט עס אויס!

צום פֿאַרזיי

אַפֿ לענג און אַפֿ ברייט
ווערט ווייניקער שניי.
סע קומט אָן די פֿרייד
פֿון פֿרילינג־פֿאַרזיי.

געפֿאַלן די פֿרעסט,
שוין גרעסער די טעג.
א ווינטעלע עסט
דעם שניי אַפֿן וועג.

די וועלדער צעשפּרייט,
זיי זאַפֿן דעם שניי,—
סע קומט אָן די פֿרייד
פֿון פֿרילינג־פֿאַרזיי.

אַפֿ אײַזערנע פֿערד
און פֿערדישע פֿערד
פֿאָרט מען אַרויס
פֿאַרזייען די ערד.

קאָלווירטישע ערד —
זי לאָזט זיך ניט אויס.
פון סטעפּ און פון בערג
קוקט זי ארויס.

אַהער קוק, אהין:
גייט מען, מע גייט
מיט פערד און מאַשין,
מע גייט אלץ, מע גייט.

כ׳וויל אויכעט אהין,
בּאַ פערד און מאַשין
אינמיטן דער פרייד.

פּיאָנערן אַף די גערטנער

דעם טאָג אָפּ קאָלווירטישן
גאָרטן פאַרבראַכט
און רוען געפּאָרן
אין שטאָט אָפּ באַנאַכט.
דעם אָפענעם דרויסן
מיט גלאָז ניט פאַרמאַכט,—
געאָטעמט דעם דרויסן
די גאַנצע נאַכט.

דעם טאָג אָפּ קאָלווירטישן
גאָרטן פאַרבראַכט,
געהאָלפן באַם גראָבן,
די קוישן באַוואַכט.
האַלט נאָך דער שלאָף
אונדז די אויגן פאַרמאַכט,
דאָך הערט מען, ווי אָפענער
דרויסן דערוואַכט.

א צי טוט צום גראָבן
די זאַפטיקע ערד,

א שמעק טאָן פון מערן
די גרינע בערד,
סע שמעקט קוקורוזע —
געפּאַקעוועט פעסט,
אין בלעטער געהילט,
ווי געהיט זיך פאר פרעסט.
אין קערב — פּאָמידאָרן
דערייַפן ביז רויט —
א צוגאָב באליבטער
צום נייַעם ברויט!

גיכער צום גאָרטן
אפ ארבעט און וואכט!
זאָל ווערן דאס גרינס
צום באן גלייַך געבראַכט.
די קוישן ניט הויל,
די גרינסן ניט פויל, —
און אָנקומען זאָל עס
צום ריכטיקן מויל!

זאָל ווערן דאס גרינס
צום באַן גלייַך געבראַכט

בוימער פלאַנצן

האט מען אונדז געמאָלדן:
א שאַבעסניק א גאַנצן
איבער אלע גאַסן
די בוימער איַינצופלאַנצן

זיַינען מיר געקומען,
לאָפּעטעס באקומען —
גראָב, גראָב, גראָב
א ריי פאר יעדער שטוב.

האבן מיר צעשטעלט זיי
אפ די גאַסן לאַנגע.
און אפ אַלע בוימער
צעטעלעך צעהאַנגען.

ווער און וואָס אפ ווע מען
שעפּטום האט גענומען.—
היט, היט, היט,
עדער בוים צעבליט.

4. ל. קוויטקאָ. 921

טאָמער וועט איר גייען
אפ לעניניִשער אלייע —
וועט איר אפ א בוים מײַן
נאָמען מאַקס דערזעען.

בוים, מײַן בוים, צעבלי זיך,
אין די הויכן צי זיך.
וואקס, וואַקס, וואקס,—
ד'יך היט מאָסענקע מאַקס!



ווער העלפט באַ דעם שניט ? —
די באבעצי בליומצי !

באבעצי בליומצי די שלאָגלערן

אין יעדער קאָלווירט
פאראנענ א פלאַנ.
אין יעדער קאָלווירט
איז שלאָגלערס פאַראַנ.
גייט א געוועטעניש,
וואקסט א גערעטעניש,
קומט באַבע בליומצי,
צו קינדערלעך קומט זי:
— נעם מיך אריינ,
א שלאָגלערנ זיינ!

ווער העלפט בא דעם שניט? —
די באַבעצי בליומצי!
ווער קלויבט וואס צעשיט? —
די באבעצי בליומצי!
בליומצי די באַבעצי
שאַרט מיט דער שקראַבעצי,
העלפט פּיאָנערנ,
די זאנגענ פארמערנ,
זי גייט נאָכנ שניט
אונ קלויבט וואס צעשיט.

— ווער העלפט בא די קי?
די באַבעצי בליומצי!
— ווער העלפט בא דעם הני?
די באַבעצי בליומצי!
בליומצי די באַבעצי
שאַרט מיט דער שקראַבעצי,
העלפט פּיאָנערן
די שטאַלן פאַרקערן,—
מע האט אין קאָלווירט
א ריינקייט פאַרפירט.

— דעם קאָרן ווער היט?
די באַבעצי בליומצי!
— ווער הערט יעדנס טריט?
די באַבעצי בליומצי!
בליומצי די באַבעצי,
שטיל מיט דער שקראַבעצי,
העלפט פּיאָנערן
די פּייַנט צו דערהערן,
דער סוינע, ער טריט —
געהיט איז געהיט!

דער סוינע, ער טריט —
געהיט איז געהיט!

III

מײַנס־דײַנס

מײַנער דער גאָרטן,
גײ זיך דיר, דו,
מײַנס איז דאָס טישל,
זעץ זיך ניט צו.

מײַנער דער לערער,
הער זיך ניט אײַן,
מײַנס איז דאָס ביכל,
קוק ניט אַרײַן.

מײַנס איז דער טינטער,
טונק ניט צו מיר,
מײַנס איז עס, מײַנס,
זאָגט מען צו דיר.

דײַנס איז דײַן נעזל,
ווישׁ עס דיר אויס,
מײַנס איז מײַן נעזל,
ווישׁ איך ניט אויס.

דו ווישסט ניט דײַן נעזל,
דאָס איז ניט פײַן.
דאָס איז אלעמענס גאָרטן,
ריין דארף דאָ זײַן.

אלעמענס לערער,
הערט מען זיך אײַן.
אלעמענס טישל,
שניץ ניט ארײַן.

וואס טו איך דײַן ביכל,
איך עס דען אוף?
דו זאגסט גאָר „מײַן, מײַן",
ווי א באלעגוף.

מיר שפילן אינײנעם
און לערנען אינײנעם,
מאָלן און בויען
א באַן און א שיף.

מײַן איז ניטאָ,
אונדזערס איז דאָ.
מיר אלע צוזאַמען —
איין קאָלעקטיוו.

מײַנס איז דער טינטער,
טונק ניט צו מיר...

פראָסט־ליד

אינעם דרויסן שטייט דער פראָסט.
ווי ער שטייט — אזוי זיך שטייט ער.
גייסט ארויס צו אים — ער לאָזט.
נאָר ווי׳הינ דו גייסט — אַהינצו גייט ער.

האט מען וועש ארויסגעהאַנגען —
איז דער פראָסט דאס וועש באַפאלן
און באַשיט עס מיט קריסטאַלן.

האט מען וועש ארויסגעהאַנגען —
כאַפּט דער פראָסט
און מאַכט עס הארט,
האַרט און פראָסטיק
און פארדאַרט, ווי ס׳איז אופגעהאַנגען,
שטעל אוועק דאס וועש —
סע שטייט.
טו א שטופּ דאס וועש —
סע גייט,
ס׳איז אוועקגעגאנגען.

אויב די זון דערלאַנגט מיט שטראַלן,
גייען אויס די שניי־קריסטאַלן,
און דאס וועש אין גאַנג וועט פאַלן.

ווינטל, ווינטל, רײַטערל,
אפ מײַן דאשעק רײַט.
פראָסט, דער פראָסט דער שנײַדערל
מיר דאס נעזל שנײַדט.
פראָסט, דו פראָסט, דו ציפּערל,
ציפּעט אין די באַקן.
די שליטנס אפ די שנייען
קנאַקן!

פויגלען זיך א שיט געטאָן

ווייפל דויערט דען דער ווינטער,—
נאָך א טאָג, צי נאָך א וואָך.
מיטאמאָל אָט טוט א בראָך
און סע ווייען וואַרעמע ווינטן!

עסט דערוויַיל דער ווינטער קוילן,
שיט אביסל שניי נאָך אויס.
לאָזט אין דרויסן ניט ארויס
מיט קיַין פיסעלעך קיַין הוילע.

ס׳איז אוואַדע זייער שווער
אין פּאַלטאָ זיך טאָן א קער,—
אָן פאלטאָ איז ערגער נאָך,
אז ס׳איז פראָסט די גאנצע וואָך!

פרילינג, פרילינג ווילן קינדער,
שריַיבן מיר א ליד דעם ווינטער:
„שוין גענוג מיט דיר פארבראַכט.
„גיי דיר, פראָסט, א גוטע נאַכט...״

נאָר פון פראָסט נאָך ניט געענדיקט,
ווערט די פּען אליין לעבעדיק.
טוט אין טינט א קורצן טריט
און זי שרייַבט אליין דאס ליד:

ווער מיר פרעסט, וואָס מיר פרעסט!
ס׳קומט די זון און עסט זיי, עסט.
פויגלען זיך א שיט געטאָן —
הייסט עס, פרילינג הויבט זיך אָן!

פרילינג זאָל שוין קומען

שניי איז טאַקע שיין,
פראָסט איז טאַקע ליב,
נאָר דער ווינטער־הימל
אזוי גרוי און טריב.

אַלץ מע גייט געפּעלצט,
וואַטעווע געקליידט,
כאָטש מיט גליטשערס, שליטלעך
איז א גרויסע פרייד.

נאָר דער ווינט ער שמײַסט,
און די זון נישטאָ,
כאָטש אין וואס זיך שפּילן
איז ווינטער דײַקע דאָ.

די ערד איז אונטער שניי,
די בוימער זײַנען הויל.
כאָטש א פראָסט מאכט געזונטער,
אויב מע איז ניט פויל.

נאָר איך וויל, איך וויל,
פריילינג זאָל שוין קומען,
פריילינג זאָל שוין קומען,
און דערנאָך דער זומער!

ארויס פון די קאַליעזשעס!

מע טיאָפּקעט אין פרילינג
מיט שיך אין קאַלאָשן.
די זון אָבער האלט זיך,
זי ווערט ניט פארלאָשן.

איך קלאַפּ מיט א שטעקל
דאס וואַסער, סע שפּריצט.
די זון — זי צעשפּאַלט זיך,
צעפליט זיך — נאָר בליצט.
זי בליצט אין די קויטיקע
קאליעזשעס קליינע,
און פּלעשקעט און פּליושקעט
און איז נאָך א שיינע.

— ארויס פון די קאַליעזשעס,
זאָגט מען דיר, זון!
וואס האָסטו מיט קויטיקע
וואַסער צו טאָן!

— איך קריך ניט ארויס
ביז איך טרינק זי ניט אויס!

אפ דער הוידעלקע

הוידע,
הוידישע,
וויג זיך,
וויג זיך,
הוידעלקע —

לויפט אַקעגן מיר
דער וואַלד,
און צום וואָלקן
פּלי איך באַלד,
גיך און גיכער,
הוידעלקע,
הוידע,
הוידע,
הוידישע!

אוי, דער וואַלד
צעציט זיך לאַנג,
טײַכל דרייט זיך
ווי א שלאַנג,

ציט זיך אויס,
ציט זיך אויס
מיטן קאָפּ
צום וואַלד ארויס.

לויפֿט א כאָפּטע כעזורע גיך,
ווילן אויכעט הוידענ זיך.
גיכער אפּ,
און גיכער אופּ,
צו די וואָלקנס טראָג ארופּ.

עי, די שטאָט, זי שפּילט א שפּיל,
דרייט זיך ווי א ווינטמיל.
שטילער, שטילער,
שטילער, שטיל,
שטיי!

אפן טראָטואַר

דער טראָטואר
איז גלאַט און גרוי.
איך האב א קרייַד
און טו אזוי:

א לאַנגגן שרייב,
א פּאַס, א פּאַס,
און דאָ א קאָפּ,
עס ווערט א קלאַס.

מייַן שטיינדל טרעפט
אין סאמע מיט,
און ריר עס אָן —
אַ־אַ, סע פּליט!

מע טאָר דאָך ניט
מיט ביידע פיס!
וואס טוסטו, וואָס? —
אין שטיינדל שיס!

און ריכטיק שפּרינג,
אינ סאַמע מיט,
נאָר אפ דעמ קרײַדל
טאָרסטו ניט!

ארויס פונ קלאַס,
און איצט לאָז מיכ!
האָסט אנגערירט
מיט שפּיץ פונ שיכ!

— ווער אָנגערירט,
וואס אָנגערירט,—
דאָס שטײנדל נאָר
צומ אָרט דערפירט!

עטעלע

עטעלע טראָגט וואַסער
אין עמערל
א שײנעם.
וואָס זשע וואַקס דאָרט, עטעלע,
אין סעדעלע דעם קלײנעם?
— קאַרשן אַף די שטעקעלעך,
עפּעלעך מיט בעקעלעך,
פֿױגעלעך דאָרט שפּרינגען.
זימזען, זאַמזען, זינגען.
און די טױען בליצן
אַף די בלעטער קרױט!
פּאָמידאָרן זיצן
שטיל און װערן רױט!

ווי קען ער דאָס פערדל?

גערקומען צו פאָרן
דער פאַפּע באַנאַכט.
ער האָט פון דער רייַזע
א פערדל געבראַכט.

א פערדל אזאַ מינס,
ווי מאַקס האָט געוואָלט.
דער קאָפּ און די טלאָען
מיט שוואַרצן באמאָלט.

ניט פּאָשעט מיט שוואַרצן,
נאָר טאַקע לאַקירט.
און טאַקע דאס צוימל
מיט זילבער באַצירט.

אזאַ מין וויל מאקסל
שוין זייער פונלאַנג.
איצט שלאָפט ער און ווייסט ניט, —
סע שטייט אַף דער באַנק.

סע שטייט זיך, סע קוקט זיך,
און גלײַך אים אין בעט.
פֿאַרטאָג כאַפּט ער אוף זיך —
דאָס פֿערדל דערזעט.

וואָס איז עס, א כאָלעם,
צי טאָקע א פֿערד?
ער רײַבט זיך די אויגן
און קוקט אלץ און קלערט.

און באַלד מיט די הענטלעך
א פֿריידיקן פּאַטש:
— סע גאָר ניט קיין כאָלעם! —
ס׳א גאַנצער פֿערדאַטש!

אַראָפּ און געכאַפּט עס
און טוט עס א פֿיר.
א ציטער טוט מאַקסל
בא יעדן זײַן ריר.

א קאָפּ — איז א קאָפּ,
און א עק איז א עק!
באַקוקן די פּיסלעך
ער לייגט זיך אוועק.

סע גייט, אז מע שלעפּט עס!
סע שטייט, אז מע וויל!
און אויב עס צעלייגן,
איז ליגט עס דען שטיל?



איצט שלאָפט ער און ווייסט ניט, —
סע שטייט אפ דער באַנק

פירט מאקסל דאָס פערדל,
די מאַמע ער וועקט.
די מאַמע, דעם פּאַפּע,
ער רײַסט אים די דעק.

זיי זיינען פארשלאָפן
און ענטפערן קוים —
מע זעט ניט דאָס פערדל,
מע זעט ניט די צוים!

איז פירט ער עס ווײַטער,
זײַן פערדעלע פירט,
און קלאַפּט מיט א הענטל
דעם שאָכן אין טיר.

סע ליגט נאָך דער שאָכן,
פון בעט פרעגט ער: „ווער?"
— איך וויל דיר באַווײַזן,
באַווײַזן מײַן פערד!

— איך האָב עס געזעען שוין,
מײַן טיר איז פארמאַכט.
— דו האָסט ניט געזעען עס,
ס'אַ נײַס, פון באַנאַכט!

— איך קען עס, דײַן פערדל,
איך קען עס גענוג.
— דו קענסט עס ניט, קענסט ניט,
אָט טו נאָר א קוק!

— איך זאָג דיר, איך קען עס,
אָט הער, אַז איך קען:
איין קאָפּ האָט דײַן פערדל...
— ווי ווייסטו עס דען?

— הער ווײַטער: דײַן פערדל
פיר פיסלעך פארמאָגט!
— פיר פיסלעך? פיר פיסלעך!
ווי ווייסטו עס, זאָג?

פאַרכידעשט איז מאַקסל,
פאַרכידעשט און קלערט:
„ער האט ניט געזעען עס
„און קען עס, מײַן פערד!

„ווי קען ער עס קענען,
„אַז ס'איז גאָר בא מיר?"
און מאַקס א פארטראַכטער
קוקט שטיל אַף דער טיר.

ווי קען ער עס קענען,
אז ס'איז גאָר באַ מיר ?

6. ל. קוויטקאָ. 921

IV

פאשיסטן

גייט ארום, ארום דער ערד
דער פאַשיסט און דרייט די שווערד.
זוכט נאָר קאָמוניסטן פּאַקן,
טראָגט א האַק די קעפּ צו האַקן.

ברילט פאַשיסט,
בילט און ברילט,
אופגעשפּיצט די אויערן:
„קעפּ אהער, קעפּ אהער
פון אַרבעטער און פּויערים!"

פאָרנט שפּאַנט אים אַ בורזשוי,
הינטן שפּאַנט אים א בורזשוי,
לינקס און רעכטס בורזשויען שפּרייַזן —
אפ די אַרבעטער זיי ווייַזן.

ברילט פאַשיסט,
בילט און ברילט,
אופגעשפּיצט די אויערן:

„קעפּ אהער, קעפּ אהער
פון אַרבעטער און פּויערים!‟

זאָגט בורזשוי: „מײַן קינד פּאַשיסט,
שרײַ אזוי ניט, ווען דו שיסט.
האַק די קעפּ און ברענ געבײַען
שטיל, מע זאָל ניט הערנ שרײַענ‟.

ברילט פּאַשיסט,
בילט און ברילט,
אופגעשפּיצט די אויערנ:
„קעפּ אהער,
קעפּ אהער
פון אַרבעטער און פּויערים!‟

די ארבעטער און פּויערים
פירט די קאָמפּאַרטיי!
זיי פירט די קאָמפּאַרטיי,
זי פירט און לערנט זיי.

זיי ווילנ ניט
און לאָזנ ניט
דאָס לעבנ זיך פּאַרוויסטנ,
דאָס לעבנ זיך פּארוויסטנ
פון בלוטיקע פּאַשיסטנ.

די אַרבעטער און פּויערים
האַלטנ גרייט די פּאָנ.
זיי האַלטנ גרייט די פּאָנ —
די קראַפט זיי זאַמלענ אָנ.

די אַרבעטער און פּויערים
שטילן זיך ניט אײַן,
זיי שטילן זיך ניט אײַן —
„א ראַטנמאַכט זאָל זײַן!"

פאָרויס!

דאָרט אין די לענדער גייען געשלעגן
צווישן דעם הונגער און צווישן פארמעגן.
עס העלפט פיאָנעריע מיט וואָרט און מיט טאַט —
פארגרייטן א פינצטערן סאָף דעם קאַט.

פאָרויס! —
אַפ הילפ קאָמוניסטן!
אפ טויט די פאַשיסטן!
איין ציל פאר אונדז אלע,
אן אינטערנאַציאָנאַלער! —
פאָרויס!

באַ אונדז גייען אנדערע שווערע געראַנגלען:
פאר בעסערער בויונג, פאר פולערע זאַנגען!
פאר גיכער דערשלאָגן דעם רעשט פונעם קאַט —
עס העלפט פיאָנעריע מיט וואָרט און מיט טאַט.

פאָרויס! —
אַפ הילפ קאָמוניסטן!

אַף טויט די פֿאַשיסטן!
איין ציל פֿאַר אונדז אַלע,
אַן אינטערנאַציאָנאַלער! —
פֿאָרויס!

און דאָרט ציילן רייַכע מיט כריפּקע גאָרגלען:
שטרייַקן און אופשטאַנדן וויפֿל דערוואָרגן!
וויפֿל די אַרבעטער, קעמפֿער געטויט,
בײַ וויפֿל מיליאָנען גערויבט דאָס ברויט!

פֿאָרויס! —
אַף הילף קאָמוניסטן!
אַף טויט די פֿאַשיסטן!
איין ציל בײַ אונדז אַלע,
אַן אינטערנאַציאָנאַלער! —
פֿאָרויס!

בײַ אונדז ציילן מאַסן אַלץ נײַע דערפֿאָלגן,
אַלץ פֿעסטער באַהערשט מען די ערד און די וואָלקן.
אין דערפֿער, אין שטעט, אין פֿאַרוואָרפֿנסטן עק
שאַפֿן די מאַסן זיך פֿריידיקע טעג.

פֿאָרויס! —
אַף הילף קאָמוניסטן!
אַף טויט די פֿאַשיסטן!
איין ציל בײַ אונדז אַלע,
אַן אינטערנאַציאָנאַלער! —
פֿאָרויס!

ראַפּאָרט

פּיאָנערן ראַפּאָרטירן
דער פּאַרטיי, דעם גרויסן פירער:
אונדזער קאַמף איז אויסגערעכנט,
לערנען גוט און אויסגעצייכנט.
לערנען, לערנען און דערלערנען,
באָדנס, צאָלן, יאַמען, שטערן.

שלייפן,
מיר שלייפן
אַף שאַרף דעם געדאַנק,
פעסט אונדזער לייַב און בלענדיק.
אונדזער געזאַנג
איז אַף לאַנג,
איז אַף לאַנג,
אונדזער געזאַנג איז אַף שטענדיק!

קרעפטיק וואַקסן, אַלץ באַהערשן,
ווייַל מיר דאַרפן זייַן די ערשטע
שטענדיק אין געביט אין יעדן,

אויך אין קונסטן, ספאָרט און פריידן,
ווײַל מיר אײַך, מיר אײַך געהערן,
מעלדן מיר, די פּיאָנערן:

שלײַפן,
מיר שלײַפן
אַף שאַרף דעם געדאַנק,
פעסט אונדזער לײַב און בלענדיק.
אונדזער געזאַנג
איז אַף לאַנג,
איז אַף לאַנג,
אונדזער געזאַנג איז אַף שטענדיק!

אינהאַלט

I

זײַטל

א פּאַראַשיוט . . . 5
דער זאַוואָד . . . 9
די זעג־מיל . . . 12
פלאַמיקע גרוסן אונדזער פּאַרטיי . . . 15
רויטע רײַטער . . . 17
א בריוו דעם כ׳ וואָראָשילאָוו . . . 22
א מיליציאָנער . . . 24

II

כאזערלעכ . . . 29
קי . . . 33
א קאָניוכ . . . 34
א יאַסליע שפּאַצירט . . . 35
איינער — איז קיינער . . . 37
אי באַטאָג, אי באַנאַכט . . . 41
צום פּאַרזיי . . . 43
פּיאָנערן אפ די גערטנער . . . 45
בוימער פלאַנצן . . . 49
באבעצי בליומצי די שלאָגלערנ . . . 53

III

מײַנס, דײַנס 59
פראָסט־ליד 63
פויגלען זיך א שיט געטאָן 65
פרילינג זאָל שוין קומען 67
ארויס פון די קאַליעזשעס 69
אף דער הוידעלקע 70
אפן טראָטואר 72
עטעלע 74
ווי קען ער דאס פערדל? 75

IV

פאַשיסטן 85
פאָרויס! 88
ראפאָרט 90

Друкується з матриць, виготовлених в друкарні ім. Фрунзе, Харків.

Уповн. Головліту № 1891. Одобліт № 871. Замовлення № 1051. Тираж 3.00 прим. Друк. арк. 6.
Підписано до друку 24-VIII-34 р. Черг. вид. 89.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.